**וואקסין אינפארמאציע סטייטמענט**

Many Vaccine Information Statements are available in Yiddish and other languages. See www.immunize.org/vis

פיל וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענטס זענען אוועילעבל אין אידיש און אנדערע שפראכן. זעט www.immunize.org/vis

# העפאטייטיס B וואקסין:

## *וואס איר דארפט וויסן*

## 1. פארוואס צו וואקסינירט ווערן?

**דער העפאטייטיס B וואקסין** קען פארמיידן **העפאטייטיס B**.

העפאטייטיס B איז א לעבער קראנקייט וואס קען פאראורזאכן א מילדע קראנקייט וואס האלט אן פאר עטליכע וואכן, אדער קען עס פירן צו אן ערנסטע לעבנסלענגליכע קראנקייט.

- **אן אקיוט העפאטייטיס B אינפעקציע** איז א קורץ-טערמיניגע קראנקייט וואס קען פירן צו א פיבער, פילן אויסגעמוטשעט, פארלירן אפעטיט, פילן פאראיבלט, ברעכן, דזשאָונדיס (רעכנט אריין געלע הויט אדער אויגן, טונקעלע קטנים/מי רגליים און קלעי-קאלירטע צואה) און ווייטאגן אין די מוסקלען, דזשוינטס (געלענקן) און בויך.
- **א כראנישע העפאטייטיס B אינפעקציע** איז א לאנג-טערמיניגע קראנקייט וואס געשעט ווען דער העפאטייטיס B ווירוס בלייבט אין א מענטשן׳ס קערפער. רוב מענטשן וואס אנטוויקלען כראנישע העפאטייטיס B באקומען נישט קיינע סימפטאמען, אבער עס איז נאכאלץ גאר ערנסט און קען פירן צו שאדן צו די לעבער (סיראָוסיס), לעבער קענסער און טויט רח״ל. כראניש-אינפעקטירטע מענטשן קענען פארשפרייטן דעם העפאטייטיס B ווירוס צו אנדערע מענטשן, אפילו אויב זיי אליין פילן נישט אדער קוקן נישט אויס קראנק.

העפאטייטיס B פארשפרייט זיך ווען בלוט, זרע אדער אנדערע קערפערליכע פליסיגקייטן וואס זענען אנגעשטעקט מיט דעם העפאטייטיס B ווירוס גייען אריין אין די קערפער פון א מענטש וואס איז נישט אנגעשטעקט. מענטשן קענען ווערן אנגעשטעקט דורך:

- געבורט (אויב א טראגעדיגע מענטש האט העפאטייטיס B קען זייער בייבי אנגעשטעקט ווערן)
- מיטטיילן חפצים ווי א גאל מעסער אדער ציין בערשטל מיט אן אנגעשטעקטער מענטש
- בארירונג מיט די בלוט אדער אפענע וואונדן פון אן אנגעשטעקטער מענטש
- משפחה באציאונגען צווישן מאן און ווייב ווען א פארטנער איז אנגעשטעקט
- מיטטיילן נידלס, סירינדזשעס אדער אנדערע געצייג וואס ווערן גענוצט צו איינשפריצן דראגס
- זיין אויסגעשטעלט צו בלוט פון א נידל אדער אנדערע שארפע געצייג

רוב מענטשן וואס זענען וואקסינירט מיט דעם העפאטייטיס B וואקסין זענען אימיון פאר די גאנצע לעבן.

## 2. העפאטייטיס B וואקסין

דער העפאטייטיס B וואקסין ווערט געווענטליך געגעבן אין 2, 3 אדער 4 איינשפריצן.

**בייביס** דארפן באקומען זייער ערשטע דאזע פון דעם העפאטייטיס B וואקסין גלייך ביים געבורט, און זיי וועלן געווענטליך פארענדיגן די סעריע ביי 6 ביז 18 חודשים אלט. **די דאזע פון דעם העפאטייטיס B וואקסין וואס ווערט געגעבן ביים געבורט שפילט א וויכטיגע ראלע ביים פארמיידן לאנג-טערמיניגע קרענק אין בייביס און די פארשפרייטונג פון העפאטייטיס B אין די פאראייניקטע שטאטן.**

**קינדער און צענערלינגען** אונטער 19 יאר אלט וועלכע האבן נאכנישט באקומען דעם וואקסין זאלן וואקסינירט ווערן.

**דערוואקסענע** וועלכע זענען נישט וואקסינירט געווען פריער און ווילן זיין באשיצט פון העפאטייטיס B קענען אויך באקומען דעם וואקסין.

דער העפאטייטיס B וואקסין איז אויך רעקאמענדירט פאר די פאלגנדיקע מענטשן:

- מענטשן וועמען׳ס מאן/ווייב/פארטנער האבן העפאטייטיס B
- מענטשן וואס האבן אפטע משפחה באציאונגען אן זיין אין א לאנג-טערמיניגע קשר מיט איין מענטש
- מענטשן וואס ווענדן זיך פאר אן אונטערזוכונג אדער באהאנדלונג פאר א קראנקייט וואס גייט אריבער צווישן מאן און ווייב/פארטנערס
- מענטשן וואס זענען אריבער אן איבערפאל/אביוז
- מענער וואס קומען אין אינטימע בארירונג מיט אנדערע מענער
- מענטשן וואס טיילן מיט נידלס, סירינדזשעס אדער אנדערע געצייג וואס ווערן גענוצט צו איינשפריצן דראגס
- מענטשן וואס וואוינען מיט איינעם וואס איז אנגעשטעקט מיט דעם העפאטייטיס B ווירוס
- העלט קעיר און פובליק זיכערהייט ארבייטער וועלכע זענען אין א סכנה צו אויסגעשטעלט ווערן צו בלוט אדער קערפערליכע פליסיגקייטן
- איינוואוינער און איינגעשטעלטע אין אנשטאלטן פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס
- מענטשן וואס זענען אין טורמע
- מענטשן וואס רייזן צו ראיאנען מיט העכערע ראטעס פון העפאטייטיס B
- מענטשן מיט א כראנישע לעבער קראנקייט, נירן קראנקייט אויף דיאליסיס, HIV אינפעקציע, אינפעקציע מיט העפאטייטיס C אדער צוקער קראנקייט

U.S. Department of Health and Human Services
Centers for Disease Control and Prevention

דער העפּאַטייטיס B וואַקסין קען געגעבן ווערן אַליין אָדער אין א געמישטע וואַקסין (א וואַקסין וואס מישט אויס מער פון איין וואַקסין צוזאמען אין איין איינשפּריץ).

דער העפּאַטייטיס B וואַקסין קען געגעבן ווערן אין דעם זעלבן צייט ווי אנדערע וואַקסינען.

## 3. רעדט מיט אייער דאָקטאָר

זאָגט דעם צושטעלער פון וואַקסין אויב דער מענטש וואס באַקומט דעם וואַקסין:

- האט געהאט אן **אַלערגישע רעאַקציע נאָך א פריערדיגע דאָזע פונעם העפּאַטייטיס B וואַקסין**, אָדער האט סיי וועלכע **ערנסטע, לעבנס-סכנות'דיגע אַלערגיעס**

אין געוויסע פעלער, וועט אייער דאָקטאָר מעגליך באַשלוסן צו אָפּשטופּן דעם העפּאַטייטיס B וואַקסינאַציע ביז א צוקונפטדיגע באַזוך.

טראָגעדיגע מענטשן אָדער מענטשן וואס נויִרסן א בייבי זאָלן וואַקסינירט ווערן אויב זיי זענען אין א גרעסערע סכנה צו באַקומען העפּאַטייטיס B. זיין טראָגעדיג אָדער נויִרסן א בייבי זענען נישט קיינע סיבות צו מוותר זיין אויף העפּאַטייטיס B וואַקסינאַציע.

מענטשן וואס פילן זיך מילד נישט גוט, ווי צום ביישפּיל א פאַרקילעכץ, קענען וואַקסינירט ווערן. מענטשן וואס זענען מיטלמעסיג אָדער ערנסט קראַנק זאָלן געווענטליך וואַרטן ביז זיי דערהוילן זיך איידער באַקומען דעם העפּאַטייטיס B וואַקסין.

אייער דאָקטאָר קען אייך געבן מער אינפאָרמאַציע.

## 4. סכנות פון א רעאַקציע צום וואַקסין

- ווייטאָג וואו מען האט געגעבן די איינשפּריץ אָדער א פיבער קענען געשען נאָכן באַקומען דעם העפּאַטייטיס B וואַקסין.

מענטשן חלש'ן צומאָל נאָך מעדיצינישע פּראָצעדורן, אַריינרעכנענדיג וואַקסינאַציע. זאָגט אייער דאָקטאָר אויב איר באַקומט א שווינדל אָדער אויב אייער זעענונג טוישט זיך אָדער אויב איר הערט קלינגען אין די אויערן.

פונקט ווי מיט סיי וועלכע מעדיצין, עס זענען דאָ גאָר קליינע אויסזיכטן אז א וואַקסין זאָל פאַראורזאַכן א שווערע אַלערגישע רעאַקציע, אן אנדערע ערנסטע שעדיגונג, אָדער טויט.

## 5. וואס אויב עס איז דאָ אן ערנסטן פּראָבלעם?

אן אַלערגישע רעאַקציע קען פּאַרקומען נאָכדעם וואס דער מענטש וואס האט באַקומט דעם וואַקסין פאַרלאָזט די קליניק. אויב איר זעט סימנים פון אן ערנסטע אַלערגישע רעאַקציע (אויסשלאָגן, אן אויפגעשוואָלענע פּנים און האַלז, שוועריקייטן צו אָטעמען, א שנעלע האַרץ קלאַפּ, א שווינדל אָדער שוואַכקייט), רופט **9-1-1** און נעמט דעם מענטש צו דעם נאָענטסטן שפּיטאָל.

פאַר אנדערע סימנים וואס באַזאָרגן אייך רופט אייער דאָקטאָר.

אומגעוואוינטלעכע רעאַקציעס זאָלן באַריכטעט ווערן צו דעם Vaccine Adverse Event Reporting System (VAERS) (וואַקסין אומגעוואוינטלעכע אינצידענטן באַריכטונג סיסטעם). אייער דאָקטאָר וועט געווענטליך זיין דער וואס וועט אַריינגעבן דעם באַריכט, אָדער איר קענט דאָס אַליין טאָן. באַזוכט די VAERS וועבזייטל אויף [www.vaers.hhs.gov](http://www.vaers.hhs.gov) אָדער רופט **1-800-822-7967**. *VAERS איז געווידמעט נאָר צו באַריכטן רעאַקציעס, און VAERS שטאַב מיטגלידער גיבן נישט קיינע מעדיצינישע עצות.*

## 6. דער נאַציאָנאַלע וואַקסין שאָדן פאַרגוטיגונג פּראָגראַם

דער National Vaccine Injury Compensation Program (VICP) (נאַציאָנאַלע וואַקסין שאָדן פאַרגוטיגונג פּראָגראַם) איז א פעדעראַלער פּראָגראַם וואס איז אויפגעשטעלט געוואָרן צו פאַרגוטיגן מענטשן וואס זענען מעגליך געשעדיגט געוואָרן דורך געוויסע וואַקסינען. קליימס אין פאַרבינדונג מיט אַנגעבליכע שאָדן אָדער טויט צוליב א וואַקסינאַציע האָבן א באַגרעניצטע צייט צו אַריינגעגעבן ווערן - קענענדיג זיין אַזוי קורץ ווי צוויי יאָר. באַזוכט די VICP וועבזייטל אויף [www.hrsa.gov/vaccinecompensation](http://www.hrsa.gov/vaccinecompensation) אָדער רופט **1-800-338-2382** צו לערנען מער איבער דעם פּראָגראַם און איבער ווי אַזוי אַריינצוגעבן א קליים.

## 7. ווי אַזוי קען איך לערנען מער?

- פרעגט אייער דאָקטאָר.
- רופט אייער לאָקאַלע אָדער סטייט העלט דעפּאַרטמענט.
- באַזוכט די וועבזייטל פון די Food and Drug Administration (FDA) (עסן און דראַג אַדמיניסטראַציע) פאַר די אינפאָרמאַציע צעטלעך וואס קומען מיט די וואַקסין פעקלעך און פאַר נאָך אינפאָרמאַציע אויף [www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines](http://www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines).
- פאַרבינדט זיך מיט די Centers for Disease Control and Prevention (CDC) (צענטערס פאַר קראַנקייט קאָנטראָל און פאַרמיידונג):
  - רופט **1-800-232-4636 (1-800-CDC-INFO)** אָדער
  - באַזוכט די CDC וועבזייטל אויף [www.cdc.gov/vaccines](http://www.cdc.gov/vaccines).

Yiddish translation provided by Immunize.org